**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/18/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## סטעיטמענט פון גאווערנער קעטי האקול איבער באשטעטיגונג פון ריכטער ראָווען ווילסאן

"ריכטער ראָווען ווילסאן איז א העכסט-קוואליפיצירטער ריכטער מיט א שארפע חוש פאר יושר און א טיפע איבערגעגעבנקייט צו יוסטיץ. דורכאויס די צייט וואס ער איז געזיצן אויפן ריכטער'ס שטוהל האט ער זיך ארויסגעוויזן צו זיין א דורכגעטראכטער פירער וואס אנערקענט די כוח פון די געריכט הויז צו טוישן די לעבנס פון אלע ניו יארקער. בעפארן זיך אנשליסן אין די געריכט האט ריכטער ווילסאן געהאט אן אנגעזעהענע קאריערע אלץ אן אדוואקאט פאר ביזנעסער, און ער איז געווען דער ערשטער טונקל-הויטיגער שותף אין די אנגעזעהענע פירמע Cravath, Swaine and Moore. איך בין זיכער אז ער וועט נוצן זיין ערפארונג און יושר'דיגע צוגאנג וואס האט אים געוויזן די וועג דורכאויס זיין צייט אין די געריכט פון אפיעלס בשעת'ן דינען אלץ הויפט ריכטער.

איך נאמיניר מיט שטאלץ ריכטער ווילסאן צו דינען אלץ הויפט ריכטער פון די ניו יארק סטעיט געריכט פון אפיעלס, און די באשטעטיגונג פון די סענאט דערפריידט מיר. זיין באשטעטיגונג צייכנט אויך אפ א באדייטנדע היסטארישע מאמענט: דער ערשטער טונקל-הויטיגער הויפט ריכטער פון די געריכט פון אפיעלס.

איך גראטוליר ריכטער ווילסאן אויף זיין באשטעטיגונג, און איך קוק ארויס צו ארבעטן פון די נאענט מיט אים צו אונטערהייבן די שאץ פון אונזער סטעיט'ס העכסטע געריכט, צו באשיצן ניו יארקער'ס רעכטן און זיכערהייט און צו פארזיכערן אז יוסטיץ ווערט געברענגט."

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418



זיך ארויסשרייבן